יודען, געדענקט די רדיפות אויף אייערע ברידער אין דייטשלאנד

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשען

היינט 10 זייטען

# נייעס פאלקסבלאט

№ 201 | Łódź, Wtorek, 29 sierpnia 1933 r. | עלפטער יאהרגאנג | לאדז, דינסטאג, ז' אלול תרצ"ג | № 201

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71


# פעלקער-בונד בעגריסט
## דעם ציוניסטישען קאנגרעס

### נעכטען ווייטער געפיהרט די גענעראל-דעבאטע. — לארד מעלטשעט גענומען צום קאנגרעס. — פראיעקט פון א גרויסער נאציאנאלער הלוואה. — נאך נישט קיין פערשטענדיגונג מיט'ן פראפעסאר ווייצמאן

# פראפ. ווייצמאן זאל נישט אריין אין דער עקזעקוטיווע

פראג, 28 (יט"א טעלעגראפיש)

היינט פארמיטאג איז פארגעקומען א פלע־נאר־זיצונג פון קאנגרעס. באלד ביים אנהויב פון דער זיצונג, מעלדעט פרעזידענט לעא מאצקין, אז צום קאנגרעס זענען געקומען לארד מעלטשעט און זיין שוועסטער לעדי עריליין, דער קאנגרעס מאכט די געסט שטורמישע אוואציעס.

נאך דעם, ווי נחום סאקאלאוו מאכט הזכרות די פערשטארבענע ציוניסטען, וואס זענען געשטאר־בען אין דער צווישען־צייט פון 17־טען און 18 טען קאנגרעס, ווערט פארטגעזעצט די גענעראל־דע־באטע, דער ערשטער רעדט

### ראטענבערג

אין נאמען פון די אלגעמיינע ציוניסטען לייגט ער פאר צו פראקלאמיר'ן א גרויסע נאציאנאלע הלוואה, וועלכע ווערט ערמעגליכען אויסצופיהרען די גרויסע אויפגאבע וואס די ביידע ציוניסטישע לייטונג וועט האבען צו פיהרען, דער רעדנער איז זיכער, אז אויך די אמעריקאנער דעלעגאטען וועלען אזא הלוואה אונטערשטיצען.

אין נאמען פון „מזרחי", בעטייליגט זיך אין דער דעבאטע

### משה שפירא

מיט א גרעסערע רעדע, איז ארויסגעטרעטען דער פיהרער פון די ארץ־ישראל־ציוניסטען

### ווינשאל

וועלכער איז שארף ארויסגעטרעטען געגען די ליגע, וואס האבען איבערגענומען דעם מאנאפאל איבער דער עמיגראציע.

פון לינקען פליגעל, איז ארויסגעטרעטען

### קאפלאן

וועלכער האט ענטוויקעלט די פאסטולאטען פון דער ארץ־ישראל־ארבייטערשאפט, צום סוף ענט־פערט דער רעדנער אז די געגנער פון ארבייטען ארץ־ישראל.

צו דער זיצונג איז אויך געקומען דער פאר־שטעהער פון דער מאנדאט־קאמיסיע און בעגריסט אין נאמען פון פעלקער־בונד.

די נאכמיטאגס זיצונג, איז בעשטימט געווא־רען אויף 10 אווענד, אויף וועלכער ס'וועט אויס־געהערט ווערען דער בעריכט פון דער אויספאר־שונגס־קאמיסיע.

## די אווענד-זיצונג נעכטען נישט פארגעקומען

פראג, 28 (יט"א טעלעגראפיש)

די זיצונג, וואס איז געווען בעשטימט אויף 10 אווענד, איז אפגעלעגט געווארען אויף דינסטאג. דאס איז געשעהען צוליב דעם, וואס ס'איז נאך נישט געקומען צו קיין הסכם בנוגע דער אויספאר־שונגס־קאמיסיע וועגען ארלאזאראוו־מארד.

## אונטערהאנדלונגען וועגען דער עקזעקוטיווע

פראג, 28 (יט"א טעלעגראפיש)

אונאפהענגיג פון די קאנגרעס־פערהאנדלונגען ווערען כסדר געפיהרט פיבערהאפטע אונטערהאנד־לונגען וועגען דער צוקונפטיגער עקזעקוטיווע. בעת די אונטערהאנדלונגען ווערט א־ומגעריעדט ווייצ־מאנ'ס בעדינגונגען.

## אונטערהאנדלונגען מיט פראפ. ווייצמאן אהן רעזולטאט

פראג, 28 (יט"א טעלעגראפיש)

די אונטערהאנדלונגען מיט'ן פראפ. חיים ווייצ־מאן וועגען אריינגעהן אין דער נייער עקזעקוטיווע האבען ביז איצט נישט געבראכט קיין רעזולטאט.

די דעלעגאציע, וועלכע איז צו איהם געפאהרען איז נעכטען צוריקגעקומען און איבערגעגעבען, אז פראפ. ווייצמאן מאכט שווערינקייטען אין דער פראגע פון זיין אריינטריט אין דער עקזעקוטיווע.

נאכ'ן בעריכט פון דער דעלעגאציע, האט מען, אין אווענד, פונדעסטוועגען ווייטער געפיהרט, מיט'ן פראפ. ווייצמאן, אונטערהאנדלונגען דורכ'ן טעלע־פאן, וואס האבען אויך נישט געבראכט צו קיין רעזולטאט.

אין צוזאמענהאנג דערמיט, הערשט אויפ'ן קאנגרעס די מיינונג, אז עס וועט געשאפען ווערען א נייע עקזעקוטיווע אהן פראפ. ווייצמאן.

## לארד מעלטשעט איז פאר'ן בויקאט געגען היטלעריסטישען דייטשלאנד

פראג, 28 (ספ. טעל.)

דער עהרען־פרעזעס פון די מכבי־שפילען, לארד־מעלטשעט האט נעכטען אויפגענומען פרעסע־פארשטעהער, פאר וועלכע ער האט ערקלעהרט, אז אויב עס איז געשלאסען געווארען אן אפמאך מיט דייטשלאנד וועגען דריי מיליאן מארק, דארף מען דאס נישט בעקעמפען, וויל עס האנדעלט זיך וועגען ארויסבעקומען יודיש קאפיטאל פון דייטש־לאנד.

יודען האבען דאס רעכט צו פערלאנגען הילף פון דער וועלט ביי דער יודישער עמיגראציע פון דייטשלאנד, פונקט אזוי ווי עס איז געשעהען ביי דער גריכישער עמיגראציע פון טערקיי.

יודען זענען נישט קיין שונאים פון די דייטשען, נאר ביי די היינטיגע בעדינגונגען מוזען זיי זיך שיצען מיט דעם באיקאט, לארד מעלטשעט האט זיך שארף ארויסגעזאגט פאר'ן באיקאט געגען היט־לעריסטישען דייטשלאנד.

אונזערע ליבע עלטערן צוליב'ן פריהצייטיגען טויט פון זייער ליבען זוהן, אונזער טייערען און אונפערגעסליכען ברודער און שוואגער

נ"ע ישראל
# יאקובאוויטש

וועלכער איז אין די בליהענדסטע יאהרען פון אונז אוועקגעריסען געווארען, דריקען מיר אויס אונזער טיפסטען מיטגעפיהל.

זייט פון גאט געטרייסט!

שלמה קאץ און פאמיליע.

4458

נאך קורצע שווערע ליידען איז פון אונז אוועקגעריסען געווארען אין בליהענדען עלטער פון 21 יאהר, אונזער הייסגעליבטער און אונפערגעסליכער זוהן, ברודער, אנקעל און קוזין

נ"ע
# ישראל יאקובאוויטש

בן ר' משה יצחק נ"י

(געוואוינט פיעטריקאווער 54)

די לויה קומט פאר היינט, דינסטאג, דעם 29-טען אויגוסט 1933, 12 אזייגער בייטאג פון פאזנאנסקי'ס שפיטאל, וועגען וואס עס טיילען מיט אין גרויס צער

די טיפטרויערנדע עלטערן און פאמיליע.

4457

דעם טיפסטען און הארציגסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער שוועגערטע־פאנער

משפחה יאקובאוויטש

צוליב'ן פריהצייטיגען טויט פון אונזער טייערען און אונפער־געסליכען קוזין

ב"ע ישראל

זייט געטרייסט!

ישראל און הערמאן באמבעל מיט פאמיליעס און פאמיליע מייעראוויטש.

4460


פאר הייזעריגע, ברוסט-ליידענדע, ערקעלטונג איז דאס בעסטע מיטעל

ארץ-ישראל'דיגער ריינער
# ביהנען-האניג

פון פאמעראנצען און עקאליפטוס.

צו בעקומען אין „תוצרת ארץ ישראל" לאדז, שרודמיעסקא 3.

# Dr. Szreiber

כירורג

צוריקגעקעהרט

NARUTOWICZA 9, tel. 122-95

נעמט אן פון 2—3 נאכם. און פון 7—8.30 אוו.


מיט געבראכענע הערצער און טיפען טרויער זענען מיר מודיע אלע פריינד און בעקאנטע וועגען פריהצייטיגען טויט פון אונזער טייערען און אונפערגעסליכען חבר

# ישראל יאקובאוויטש

וועמען דער גרויזאמער טויט האט אוועקגעריסען פון אונז אין בליהענדען עלטער פון 21 יאהר.

אלע פריינד און בעקאנטע ווערען געבעטען צו קומען היינט, דינסטאג, 12 אזייגער בייטאג, צו דער לויה, וועל־כע קומט פאר פון פאזנאנסקי'ס שפיטאל, כדי אפצוגעבען דעם פערשטארבענעם דעם לעצטען כבוד.

די טיפטרויערנדע חברים און חברטעס.

4459

